# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

**די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פּאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פּאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.**

פרייטאג פ' קרח - חקת תשע"ה



נטרונא True Torah Jews

קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

718.873.0055



True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org



מעמבערשיפ
מיט נטרונא
$360
לשנה


# פריידיגע אפקלאנגען נאך גינסטיגע "סופרים קאורט" אורטייל איבער "מנחם זיוויטאווסקי" קעיס

## אין אינטערוויא פארציילן זיוויטאווסקי'ס "סודות פון חדר" וויאזוי דער קעיס וואלט חלילה אנגעצינדן א פייער פון שנאת ישראל אלוועלטליך

על שמועות טובות אומר ברוך הטוב והמטיב. מיר שטייען נאך אונטער דעם איינדריק פון דעם געוואלדיגן קידוש ה' און בשורה מרנינה ווען דאס יהדות החרדית אין אמעריקע האט אפגעאטעמט נאכ'ן ערשיינונג פון די פאזיטיווע אויסגאנג פון דעם "מנחם זיוויטאווסקי" קעיס.

עס איז ב"ה אדורכגעפאלן די מלחמה פריווען דורך אמעריקאנער ציוני'סטישע גרופעס קעגן דעם סטעיט דעפארטמענט און עס איז צערינען דער פלאן פאר וועלכע זיי האבן זיך געשלאגן מיט ציין און נעגל צו פארווירקליכן דעם ציוני'סטישן חלום און באשטעטיגן דעם סטאטוס פון ירושלים אלס הויפשטאט פון "איזראעל".

ובכל מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע שמחה וששון, עס קומען צוריק גריסן פון אומעטום אז אידן בכל תפוצות ישראל האבן זיך געווינטשן לחיים און געגעבן א שבח והודאה לקל גומר עלינו, הטוב כי לא כלו רחמיו והמרחם כי לא תמו חסדיו, ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם. אודאי קוקט מען ארויס אויף ווייטער אז אזוי השי"ת האט געהאלפן און עס איז צושטאנד געקומען דער פגם אין די גרויסע טומאה, זאלן מיר שוין זוכה זיין במהרה צו דעם גאנצן ביטול המדינה כעפרא דערעא, בלי שום צער ונזק פאר אידישע אידן, נפלה נא ביד ה' וביד אדם אל אפולה.

במשך די וואך נאך דעם באשלוס איז הערשט מער געקומען צום אויבערפלאך די געוואלדיגע נחיצות און תועלת פון די פעולות חובקות וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך מוסד הק' נטרונא, ווען עס האט זיך ב"ה געהערט דאס קול פונעם ארגינעלן יהדות החרדית אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר, און דאס אמעריקאנער אידנטום האט זוכה געווען צו פארטרעטן ווערן אין געריכט אדאנק די קאסטבארע "עמיקעס קוריע", א דאקומענט וואס האט געטוישט דעם בליק אויף אידן אין אמעריקע און קובע געווען נייע ליניעס אין באצוג צו די ציוני'סטישע אפטרופסוס אויף דעם אמעריקאנער אידנטום אין אלגעמיין.

פארגאנגענע ענדע וואך איז דער אנגלא - ציוני'סטישער "משפחה" מאגאזין ערשינען מיט א הויפט ארטיקל - א שמועס מיט די זיוויטאווסקי פאמיליע אין ליכט פון דעם דורכגעפאלענעם קלאגע אין סופרים קאורט. **איז העכסט מערקווירדיג וויאזוי אין דעם שמועס פארציילן זיי זעלבסט צווישן אנדערע אז ווען די קעיס איז צום צווייטן מאל ארויפגעברענגט געווארן אין סופרים קאורט האט די 'הארץ' נייעס באריכט געמאלדן אויפ'ן העדליין אז א נצחון פאר די זיוויטאווסקי'ס וועט אנצינדן א דריטע וועלט מלחמה ה"י.** ווי זיי שילדערן האבן אסאך געזען דעם קעיס ווי א מלחמה דעקלעראציע צווישן אידישע אינטערעסן אין אמעריקע און דעם אמעריקאנעם


## רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה....**
**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**
לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..
(מספר בוצינא קדישא)

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

עקזעקיטיווער מאכט, וואס וואלט חלילה זיך געקענט פארשפרייטן אין אן אלוועטליכער פייער אויב אמעריקע וואלט טאקע אנערקענט ירושלים אלס הויפשטאט פון איזראעל אונטער דעם דריק פון די ציונים.

דאב באדייט אין אנדערע ווערטער, אז מער פון אלעמען, אין צוגאב צו די פאקטישע רעזולטאטן ביים אורטייל ווען דער געריכט האט דערמאנט אז די "עמיקעס" האט געגעבן צו פארשטיין די דעטאלן ארום דעם היסטארישע קאמף ארום ירושלים. איז אבער בנוסף דערצו, דער "עמיקעס קוריע" געווען אן איינפאכער רעטונג'ס בריוו, וואס האט אוועקגעשטעלט א נייע מציאות פון די ערשטע מינוט אן. דער דאקומענט פרעזענטירט דורך דאס יהדות החרדית אין אמעריקע האט באשיינפערליך פארמיטן א געפאר חלילה פון אידן אין אמעריקע און אראפגענומען דעם נאסן ליילעך וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף אונזער נאמען אשר תוצאותיו מי ישורנה.

אין א צייט ווען עס האט געדראעט א געפאר פון א מלחמה - ווי דער "הארץ" האט עס טיטולירט - האט דער "עמיקעס" פאסיג ערפילט בעתו ובזמנו, אויך אויב וואלט עס נישט געשפילט קיין ראלע צו דעצידירן דעם קעיס אויף למעשה האט עס אבער געשיקט דעם מאכטפולן מעסעזש אז דאס אמעריקאנער אידנטום איז נישט אין קאמף מיט די אמעריקאנער רעגירונג, אידן אין אמעריקע זענען נישט פאראנטווארטליך פאר אומזיניגע אקטיוועטעטן פון זעלבסט געקרוינט פארטרעטער וועלכע ווילן אונז ארייננשלעפן אין א זומפ.

דעם סופרים קאורט קעיס האט אויפגערידערט דער אמעריקאנער גאס, עס איז ליידער געזען געווארן ווי א דירעקטע אטאקע פון אידן קעגן דעם פרעזידענט, און ב"ה אז דער "עמיקעס" פון מוסד הק' נטרונא האט געטון דאס זייניגע און צעשמעטערט דעם פאלשן בילד וואס די ציונים האבן פאר יעדן פרייז געזוכט ארויפצולייגן אויף אונז. דער "עמיקעס ברייעף" האט פארזיכערט בעזרת השי"ת אפגעשלאגן די ציוני'סטישע אפטורספוס בשמינו.

אצינד ווען די זיוויטאווסקי'ס זענען זעלבסט מודה אז זייער שריט האט געדראעט צו אנצינדן א פייער אלוועלטליך ווי קיינמאל בעפאר, איז אמבעסטן ניכר די גרויסע סייעתא דשמיא וואס האט ב"ה באגלייט די געטרייע עסקנים וועלכע האבן דערשמעקט אז דא האנדלט זיך פון עפעס זייער ערנסט און געפארפול וואס מוז באקעמפט ווערן בכל תוקף ועוז.

זאת ועוד, דורך מידיא - עקספערטן און פובליק רילעישן מומחים ווערט אנגעוויזן אז די לעצטיגע פעולות ארום דעם 'עמיקעס קוריע' וואס איז אריינגעגעבן געווארן צום סאמע - העכסטן געריכט אין די פאראייניגטע שטאטן, וועט בעז"ה טוישן דאס גאנצע בילד וויאזוי די אלגעמיינע באפעלקערונג זאל באטראכן תורה - טרייע אידן און וויאזוי די גאס און די מידיא זאל זיך באציען צו די אידישע התנגדות צו די ציוניסטישע לאיביסטן און גרופעס.



סודו[…]
ציטוטים מתוך מ[…]
בעקבות הסערה[…]
'יעקב' שהתחילו […]

# העדה

בטאון 'העדה החרדית'

בס"ד • ערש"ק פר' קרח ב' תמוז תשע"ה • גיליון 1771 • שנה ס"ט • המחיר בחנויות: בא"[…]

סטירת לחי מהדהדת נגד עמדת המדינה הציונית:

## בית המשפט העליון בארה"ב אימץ את עמדת 'נטרונא' וקבע כי ירושלם אינה ברשות המדינה הציונית

ח. יעקבזון

סחבת משפטית של 13 שנה הגיעה לסיומה בשבוע שעבר כאשר בית המשפט העליון בארה"ב קבע כי ירושלם הינה עיר שאינה ברשות המדינה הציונית. בכך, גלגלו השופטים את 'תיק זיבוטופסקי' מכל המדרגות ואימצו דווקא באופן עקרוני את עמדת 'נטרונא' שהגישה תצהיר מיוחד בנושא, בתור 'אמיקוס קוריי' (ידיד בית המשפט), כפי שדיווחנו על כך בהרחבה לפני קרוב לשנה.

פסק הדין החשוב התקבל ברוב של שישה שופטים מול שלושה. המשמעות הישירה של פסק דין בית המשפט העליון בארה"ב הוא, כי ילידי ירושלים שיקבלו דרכון אמריקני יירשמו ככאלה שנולדו ב"ירושלים" בלבד ולא בתור ילידי "ישראל".

הרקע לתיק זה הוא אי הכרתו של הממשל בארצות הברית בריבונות הציונית בירושלם. מסתבר כי מאז הקמתה של המדינה, לא מכיר הממשל האמריקני בריבונות כלשהי על ירושלים - בין אם זו ישראלית, פלסטינית או ירדנית, זאת למרות היותה של ארה"ב 'ידידה של המדינה הציונית'. כחלק ממדיניות זו, שגרירות ארה"ב ממוקמת בתל אביב בדווקא ולא בירושלים. בנוסף, בדרכון של אזרחי ארה"ב שנולדו בירושלים כתובה העיר שבה נולדו בלבד. לעומת זאת, בדרכונים של אזרחים שנולדו בת"א למשל כתוב "תל-אביב, ישראל".

בשנת תשס"ב החלה סוגיה זו להעסיק את בתי המשפט בארה"ב בעקבות לידתו של הילד מנחם זיבוטופסקי, להורים ציונים-לאומיים בעלי אזרחות אמריקאית אשר דרשו בתוקף לרשום על תעודת הזהות של בנם כי הוא נולד ב"ירושלים, ישראל" בדווקא. לאחר שהם נדחו, הם הגישו עתירה לבית המשפט האמריקאי ומכאן החל התיק המתוקשר ליצור הדים רבים ברחבי ארה"ב וקיבל את השם 'תיק זיבוטופסקי', בו נאבקים גורמים ציונים מול העמדה הרשמית של ארה"ב.

העתירה התגלגלה בערכאות השונות ונדחתה שוב ושוב. אך הגורמים הציוניים בארה"ב העבירו את העתירה מערכאה אחת לשניה וגייסו למענה עורכי דין מהשורה הראשונה.

בשלב זה, כשהגיעה העתירה לבית המשפט העליון בארה"ב, הגיש ארגון 'נטרונא' תצהיר עמדה נוקב ומבריק בפני בית המשפט, בתור 'ידיד בית משפט', שכלל כ-30 עמודים, ותקף את עמדת המדינה הציונית בשפה משפטית מפולפלת. התצהיר היכה גלים בעולם המשפט.

במסמך של 'נטרונא' הובהר הקשר בין תיק זיבוטופסקי לבין עמדת המדינה הציונית, שאין לה זכות להציג את עצמה כמייצגת העם היהודי, אין לה זכות להקים התנחלויות ואין לה זכות להתערב בשיקולי המדינה הגדולה בתבל - ארה"ב.

"עמדתנו מתבססת על המחוייבות המוחלטת לתורה ולמסורת היהודית", הבהירה 'נטרונא' לבית המשפט, "ולכן אנו רואים את הציונות כגורם הפועל בניגוד לתורה והמבקש לפתור את עניין הגלות העם היהודי באמצעות מהלכים פוליטיים וצבאיים, האסורים מכל וכל".

משכך, "העם היהודי בכל מדינה שהיא, נאמן לעמדת המדינה ואינו מתערב בשיקולי

**המשך בעמ' ה'**

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ביז היינט זענען אלע פעולות געטון געווארן אויף א קלענערן לאקאלן אופן וועלכע זענען געווען קריטיש וויכטיג און האבן א געוואלד אויפגעטון אינעם עבר, אבער זענען פארט געווען ווייט פון ווועקשטעלן אן אפיציעלע פראנט מיט א פראפעסיאנעלע בליק קעגן די ריזיגע ציוניסטישע גרופעס וועלכע טומלען אין די פאראייניגטע שטאטן, ס'איז געווען אין א בחינה פון קטן יעקב ודל, נישט קענענדיג זיך פארמעסטן מיט די גרויסע כוחות הטומאה וועלכע האבן די וועלט'ס געלט און מאכט צו זייער באזיץ.

דאס איז אבער ארויף מיט אן אויסטערלישן שטאפל ווען צום ערשטן מאל אין דער היסטאריע איז ארויפגעברענגט ווערן פאר'ן סופרים קאורט אזא קאסטבארער און פראפעסיאנאלע אונטערנעמונג וואס ווערט פינאנצירט און פרעזענטירט דורך די ארגאניזאציע 'תורה טרייע אידן'. אזא לעגאלע דאקומענט קען נישט באוויזן ווערן נאר דורך עכט - ריזיגע און אפיציעלע ארגאניזאציעס און טוט אנדייטן העכער יעדן ספק אז עס האנדלט זיך פון אן ערנסטע און גוט - באזירטע גרופע וועמען מען קען נישט אוועקמאכן במחי יד און אן ארגאניזאציע וועלכע פארטרעט הונדערטער טויזנטער מענטשן מיט געלט און השפעה.

עס איז פארשטענדליך אז אזא דאקומענטערישע בריוו צום סופרים קאורט די העכסטע געריכט אין לאנד, איז באגלייט געווארן מיט אסאך פרסום ווערנדיג דערמאנט אינאיינעם מיט די גאנצע קעיס, וואס האט איבערגעלאזט אן אומגעהויערן רושם אויף די מידיא און אנדערע היכראנגיגע אפישעלס. די סארט פארלאנגען ווערן פאראייביגט אין די געשיכטע אין די רעקארדס אינאיינעם מיט די אלגעמיינע 'קעיס' און האט געגעבן א לעגאלער בסיס איבער אידישקייט אקעגן ציונות אויף א העכסט- רעספעקטפולען און עפעקטיווער אופן, נישט בלויז ווי אן אפגעשוואכטע קומץ נאר ווי א פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע מיט א פינאנציעל - באזירטע שטאנד וואס איז מפרסם פאר די גאנצע וועלט אז ערליכע אידן טרייסלן זיך אפ און זענען נישט פאראנטווארטליך אויף די פעולות וואס ווערט געטון דורך די ציונים דאהי און אין ארץ ישראל.

כלל ישראל איז מלא שבח והודאה צו השי"ת אז די הייליגע מלחמה ווערט נמשך מיט אזא שטארקייט און העלדישקייט. בחסדי השי"ת ווערט פארגעזעצט בגאון ועוז די געוני זעלבע תכסיסי מלחמה וואס מיר האבן מקובל פון דעם גרויסן איש מלחמה, רביה"ק מסאטמאר זי"ע. ולאורו נסע ונלך, שלומי אמוני ישראל וועלן ווייטער מחזק זיין מיט אלע קרעפטן דעם רבי'נס ארגאניזאציע, מוסד הק' נטרונא, וועלכע האט געהאט די זכי' צו זיין די שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן צו פראקלאמירן דעם פרסום האמונה קבל תבל ומלואה.

## די נייע ווינט פון זיך אפטרייסלען באקומט מאמענטום

בשייכות צו דעם אנגייענדן קאמפיין פון תורה טרייע אידן צו אפשלאגן די ציוני'סטישע מהלך פון אויסנוצן אמעריקאנער אידן פאר זייערע אינטערעסן, איז אינטערסאנט צו אנצייכענען אויף א רעדע וואס עס האט געזאגט דער ספאוקסמאן פון די מאכטפולע ארגאניזאציע עי.די.על. אין אמעריקע, וואו עס קומט צום אויסדריק דער געפיל פון - אפילו פרייע אמעריקאנער אידן - אז די העזה פון די מדינה פירער מיט דעם אלטן טאקטיק צו אויסקוועטשן אידן אלוועלטליך און זיי נוצן אלס וואפן צו באשיצן זייער התגרות באומות, האט שוין דערגרייכט דעם קלימאקס און אויך אזעלכע לינקע אידישע גרופעס שפירן אז ס'איז צופיל.

עיב פאקסמאן, דער פארזיצער פון עי. די.על. האט די וואך ביי אן אופטריט אין ניו יארק שטארק קריטיקירט דעם פאקט אז איזראעל נעמט די שטיצע פון דאס אמעריקאנער אידישע געמיינדע "פאר גרענטעד"... גלייכצייטיג האט ער געווארנט אז אז איזראעל'ס באזע פון שטיצע און אמעריקע איז געפאלן צוליב די הארטנעקיגע שטעלונגען פון איר גאווערמענט.

ער האט צווישן אנדערע געזאגט אז איזראעל וויל באטראכטן אידן אין אמעריקע ווי זייער פארטנער און שותפים אבער "איך טראכט נישט אז איזראעל פארשטייט, מוטיגט, אנערקענט, אדער רעספעקטירט די זייט פון די שותפות."

פאקסמאן האט סארקאסטיש געזאגט אז עס פעלט זיך אסאך סענסיוועטעט אין איזראעל צו רעספעקטירן די אמעריקאנער אידן, חוץ שיקן טשעקס ביי יעדע קריזיס ווען זיי לויפן אין קאנגרעס און ווארטן אויף אונזער שטיצע.

רעדנדיג איבער די אנגעשטרענגטע באציאונגען וואס די מדינה פירער האבן מיט די פאראייניגטע שטאטן אדאנק זייער פרעכע עקשנות, האט ער געזאגט "אויב דו פארשטייסט דעם רעאליטעט, פארשטייסטו ווי ערנסט און באזארגנד עס איז דיין צוקונפט, ווען דו שטייסט פאר סיי וועלכע געפארן. וואו איז די שכל ? וואו איז די חכמה ? פארוואס פארשטייט איר נישט אז מען דארף טוישן אזא רילעישנשיפ, עטץ דארפט טרעפן וועגן ארויס פון דעם פלאנטער - און דערווייל פאסירט עס נישט ! עס פאסירט נישט !"

ווייזט אויס אז אפילו אזעליכע ווייטע אידישע ארגענזאציע'ס דערהערן שוין אויך די גרויסע פראבלעם וואס די מדינה שאפט, און אז די לעצטיגע התגרות באומות האט איבערגעצויגן דאס שטריקל אז די עי.די. על. איז גאר די וואס פארדאמען איזראעל'ס חוצפה און שטעלן קלאר אז אמעריקאנער אידן קענען נישט גענומען ווערן "פאר גרענדעט" צו יעדע צייט.

נטרונא האט פאסיג רעאגירט צו די סטעיטמענטס פון פאקסמאן שרייבנדיג פאר טויזנטער נאכפאלגער אז עס טאקע צייט צו נוצן שכל און זיך ענדגילטיג אפטרייסלען פון די ציוני'סטישע אפטרופסוס אויף אמעריקאנער אידן. עס איז העכסט צייט אז דער מעסעזש זאל דערהערט ווערן אין קארידארן פון אידישע געמיינדעס אז מען קען אונז נישט נוצן פאר רייצערישע אקטיוועטעטן און אפגעבן א דין וחשבון אויף די אומפאראנטווארטליכע פעולות.

ברוך מרחיב גד. אין די לעצטע וואך זענען

# הרחבת הגבולין אין מוסד הק' נטרונא

בעז"ה אפגעהאלטן געווארן עטליכע וויכטיגע זיצונגען מיט פארשידענע פירמעס און פראפעסיאנאלן וואו עס איז ארויפגעברענגט געווארן פארשידענע באלדיגע פראיעקטן וועלכע וועלן אונטערנעמען ווערן צו פארברייטערן און פארשטערקערן די וויטערדיגע פעולות פון נטרונא אויף א מער עפעקטיווער און פארצווייגטער פארנעם ברוב סייעתא דשמיא.

אין א פרישע אונטערנעמונג גרייט מען זיך צו א קאסטבארע רענאוואציע פראיעקט אויף דעם וועבזייטל פון נטרונא, וואס וועט אריבערגיין א פולשטענדיגע באנייאונג צו קענען זיין אהערגעשטעלט אויפ'ן היינטיגן סטאנדארט וואס פארלאנגט זיך לויט די פארגעשריטענע טעכנאלאגיע.

דער "וועבזייטל" פון נטרונא פונקציאנירט שוין לאנגע יארן מיט א געוואלדיגע ערפאלג און הצלחה און איז מפרסם בגאון עוז פאר די אומות העולם אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל. עס איז באקאנט רצון קדשו פון רביה"ק אריינצולייגן רעקלאמעס אין די ניו יארק טיימס, און מען זאל מפרסם זיין אויף די ראדיא דער קאמפראמיסלאזער שטעלונג פונעם יהדות החרדית, ווייל דאס איז בימים ההם געווען דער געצייג וויאזוי מען איז אנגעקומען צו די אומה"ע. כהיום הזה וואס עס איז אינגאנצען נשתנה געווארן די דרכי הפירסום קענען מיר נישט מכריח זיין די אומה"ע צו געוואויר צו ווערן די שטעלונג פון תורה טרייע אידן פון אלטע מהלכים פון פירסום. דער מיטל פון שיקען באלדיגע-מעסעדשעס דורך א "טעלעגראם" אדער בריוו דורך "פייגלער" איז א פארגעגנגענהייט, בדומה לזה איז דער וועלט פון ברענגען נייעס און אינפארמאציע פאר'ן פאלנער גוי.

דער היינטיגער עפאכע פון טעכנאלאגיע טוט אנטהאלטן אין זיך דער גאנצער וועזן פון די גויי הארץ, דאס איז זיין ציטונג, זיין נייעס ברענגער, זיין ראדיא און זיין אינפארמאציע ברענגער אויף יעדע טעמע אין דער וועלט. א אידיעלאגיע אדער באוועגונג וואס האט נישט די נויטיגע צוגעהערן איז נישט פארעכנט ביי זיי פאר א פראמינענטע דעה-זאגער אין די היינטיגע פארגעשריטענע וועלט. דעריבער איז אזוי וויכטיג אנצוהאלטן דעם געוואלדיגן איינפלוס וואס דער זייטל האט ב"ה, און צולייגן כסדר פרישע אפדעיטס עס צו האלטן "אפ - טו - דעיט" מיט די נייעסטע טעכנאלאגיע פארשריט.

ווי עס געדענקט זיך איז מיט ארום פינף יאר צוריק איינוועסטירט געווארן ריזיגע געלטער און כוחות צו פונדאסניי רענאווירן דעם זייטל אויף א היינטיגע אויסשטעל און פארנעם. מיט די הילף פון אידן נדיבים בעם האט מען דאן ב"ה אהערגעשטעלט א הערליכע ארבעט וואס איז טאקע קענטיג געווען אויף די הויכע "רעיטינג" וואס דער זייטל האט באקומען ביי די גוגל פירמע.

היינט, שטייענדיג מיט עטליכע יארן שפעטער, איז פארשטענדליך די פארגעשריטענע וועלט געשפרינגען מיט פילצאליגע שטאפלן פאראויס, און נטרונא מוז נאכקומען דעם סטאנדארט כדי נישט צו פארלירן חלילה אונזער אנערקענונג און פאפילאריטעט. עס מוז צוגעשטעלט ווערן א ספעציעלע ווערסיע פאר דאס מערהייט פון די גוים וועלכע קוקן היינט די אינטערנעט דורך די טעלעפאנען און נאך גאר וויכטיגע צוגאבן.

צווישן אנדערע וועט געלאזט ווערן אין גאנג א קאסטבארע פראיעקט צו פרעזענטירן ספעציעלע ווידיא מעסעדזשעס ביי יעדע טעמע וואס עפעקטירט תורה טרייע אידן. בנוסף צו דעם ביז - יעצטיגע איינשטעל פון ארטיקלען און רעאקציעס צו די פארשידענע נושאים העומדים על הפרק, וועט אויך צוגעלייגט ווערן קורצע ווידיא רעקארדירונגען, וואו נטרונא ווארטזאגער וועלן איבערגעבן דאס ווארט פון שלומי אמוני ישראל און באקעמפן די פריוועון פון ציוני'סטישע אינטערעסן צו מחלל זיין דעם שמים און מסכן זיין אידישע קינדער חלילה.

אין אלגעמיין וועט איבערגעפרישט ווערן דער גאנצער סטרוקטור פונעם זייטל מיט פאסיגע מפתחות און אנדערע ניצבארע דעטאלן וואס פארלאנגט זיך. עס ערווארטעט צו זיין א געוואלדיגע ארבעט וואס זאל ארויפברענגען דעם זייטל צו דעם העכסטן ניוואו אויף א פראפעסיאנאלן שטאפל ווי קיינמאל בעפאר.

די גאנצע אפעראציע וועט אפקאסטן א הון תועפות פון אומגעפער דרייסיג טויזנט דאללער, אבער די נטרונא שטאב איז אנטשלאסן בס"ד דאס דורכצופירן קוקנדיג מיט א ניכטערן בליק אויף די געוואלדיגע רעזולטאטן וואס דאס וועט ברענגען, ווען מען וועט בעז"ה האבן די ריכטיגע געצייג צו אפשלאגן התגרות באומות און א מאכטפולע כלי מלחמה אין די מלחמה לה' בעמלק, וואס איז א "מוז" אין דעם גרויסן חילול ה' וואס ווערט פאראורזאכט השכם והערב דורך די מסכני כלל ישראל.

אין די גאר נאנטע טעג וועט מען אנהויבן ארבעטן אויף דעם קאסטבארן פראיעקט און נטרונא ווענדט זיך ביי דער געלעגנהייט מיט א הארציגן רוף צו אידן וועלכע פארשטייען דעם גרויסן נחיצות אין דעם פרסום האמונה וקידוש ה', נעמט א טייל אין די ריזיגע הוצאות און קויפט אפ די אייביגע זכותים נצחיים דורך באצאלן און אפקויפן חלקים פון די עבודת הקודש.

הבו גודל למקדשי ה', הרימו את תרומת הקודש.

צו די קומענדיגע זומער חדשים וואס א טייל אידן פארן ארויס על ההרים וגבעות צו שעפן פרישע לופט, וואונטש נטרונא צאתכם ובואכם לשלום, פארט און קומט געזונטערהייט, און טרעפט יעדן געזונט, מיט פרישע כוחות דשנים ורעננים לעבודתו יתברך שמו. וּשְׁמוֹר צֵאתֵנוּ וּבוֹאֵנוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, און בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו די הבטחת הנביאים **כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ** - (וואו רש"י ערקלערט מן הגלות) - **וּבְשָׁלוֹם תּוּבָלוּן הֶהָרִים וְהַגְּבָעוֹת יִפְצְחוּ לִפְנֵיכֶם רִנָּה וְכָל עֲצֵי הַשָּׂדֶה יִמְחֲאוּ** (ספר ישעיה פרק נה פ' יב). אכי"ר